Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 49 | Łódź, Piątek 26 lutego 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י"ט אדר א' תרצ"ב | № 49

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

טוך-פאבריק

GUSTAW MOLENDA i SYN

w Bielsku, Oddział w Łodzi

Cecha wyrobu zarej. w urz. patent.

pod Nr. Z 25340
28462/28

וואס איז גוט בעקאנט מיט איהרע אויסגעצייכענטע סאמגארן- און שעוויאט-אויסארבייטונגען, וואס פערטרעטען פולשטענדיג ענגלישע סחורות, מאכט בעקאנט די ג. קליענטען, אז אונזערע אויסארבייטונגען צום בעפארשטעהענדען פריהלינג- און זומער-סעזאן פון די נייעסטע און מאדערנסטע מוסטערן זענען שוין צו בעקומען אין א גרויסען אויסוואהל ביי אונזערע אפנעהמער, ווי אויך

אין אייגענעם פאבריקס-לאגער אין לאדז, פיעטריקאווער 47

פערלאנגט „Molenda" איבעראל נאר סחורות פון דער פירמע

פערזיכערן מיט'ן סטעמפעל און שוץ-מארקע פון אינזער פאבריק, וואס געפינען זיך ביי דער זייט

פאר מאגענלייידנדע
ראבארבער-ווין
פעפסין-ווין
אין פירמא קוואליטעט
צו בעקומען אין דער וויינהאנדלונג פון

E. SZYKIER
Północna 1, tel. 107-84

Komunalna Kasa Oszczędności
powiatu Łódzkiego w Łodzi ul. Piotrkowska 106, tel. 221-42

נעמט אן וועקלאדען, אנהויבענדיג פון 1 זל. בארגט אויס סקארבאנקעס אינקאסירט וועקסלען און דאקומענטען, ערלעדיגט אויך אלע אנדערע באנק-אפעראציעס. פון וועקלאדען צאהלט די באנק 7—10 פראצענט יעהרליך.

פאר דער גאנצקייט און זיכערקייט פון די איינלאגען גאראנטירט דער לאדזער סעימיק מיט זיין גאנץ פערמעגען און אלע שטאט-הכנסות.

די געהיימניש פון די וועקלאדען איז לויט'ן סטאטוט געזיכערט.

1262

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונזער ג' פערוואלטונגס-מיטגליד ה' דוד עפשטיין צוליב דעם טויט פון זיין פאטער

1242

ר' חיים יחיאל ז"ל

המקום ינחם אותך בתוך שער אבילי ציון וירושלים

די פערוואלטונג פון „תומכי אורחים"

עוצ'ליכע מעדיצינישע הילף ערטיילט דער הילפס-פעראיין „נותן לחם" סארנא גאס 14

מעלדען זיך אין סעקרעטאריאט פון 4—7 אוו.

קויפט נישט פריער קיין סחורה
ביז איהר וועט זיך נישט איבערצייגען,
אז די ביליגסטע קוועלע פון די גרייטסטע
הערען און דאמען-שטאפן
פון די נייעסטע פארבען און מוסטערן
צום איצטיגען פריהלינג און זומער-סעזאן פון די בעסטע
ביליצער און טאמאשאווער אויסארבייטונגען
צו די ביליגסטע פאבריקס-פרייזען
איז נור ביי דער גוט-בעקאנטער און רעעלער פירמע פון

M. i SZ. RABINZON
Łódź, Piotrkowska 45, tel. 120-41.

הערט און דערציילט! רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג! הערט און דערציילט!

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאך איך בעקאנט, אז נאך א לאנגיעהריגער פראקטיק ביי דער פירמע
ק. מילגראם, האב איך ערעפענט
א טוך- און קארט-געשעפט
אויף פעטריקאווער 23, פראנט, 2. שט. טעל. 226-39
און עמפפעהל א רייכען אויסוואהל פון די בעסטע און נייעסטע הערען- און דאמען-שטאפען, ווי: ביליצער, טאמאשאווער, לעאנארדט'ס און אנד.
צו קאנקורענץ-פרייזען בעזוכט אונז און איהר וועט זיך איבערצייגען!

M. TAZBIR פיס אכטונג
לאדז, פעטריקאווער 23
פראנט, 2-טער שטאק.

הערט און דערציילט
געדענקט די אדרעס!

„תוצרת ארץ-ישראל" שרודמיעסקא 1, טעלעפאן 193-42
יודישע ארץ-ישראל'דיגע פאמעראנצען

1207

וענען נור די, וועלכע זענען געשטעמפעלט Pardes קויפט און פערשפרייט דעם ארץ-ישראל'דיגען פאמעראנץ, וועלכער איז זיס, זאפטיג, קערנלאז, ווירקט זעהר גוט אויפ'ן געזונד, פון 60 גר. ביז 1.20
ארץ-ישראל'דיגער האניג, כפעציעלער אקאליפטוס-האניג פאר הייזעריגע און לונגען-ליידענדע,
באקס-האניג פאר צירות, מאנדלען, ראדזינקעס, טייטלען, שמן זית זך, צו בעקומען
אין „תוצרת ארץ-ישראל" [פראנט-געוועלב] שרודמיעסקא 1, טעל. 193-42.





אויבען רעכטס: בונט אויף אַ דייטשער שיף, דער בונט איז אויסגעבראָכען אויפ'ן דאַמפער „ס'ע'אַ קאָרדאָוואַ". די צובונטעוועטע מאַטראָסען זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון דער מאַכט אין סאַנטאָס (בראזיל).

אינדערזייט רעכטס: די דימיסיע פון לאַוואַל'ן לאַוואַל גיט ערקלערונגען וועגען דער לאַגע, וואָס האָט געבראַכט צו זיין דימיסיע.

אונטען רעכטס: אין ענגלאַנד אַנטלויפט מען פון גאָלד. רעכטס: די גאָלד־הענדלער מאַכען גוטע געשעפטען. לינקס: אַ רייהע פאַר אַ געשעפט פון אַ גאָלד־הענדלער.








אַ מאָדערנער אויטאָבוס אויף גומי־רעדער און אויף שינעס. אַזאַ אויטאָבוס איז איצט אויסגעפּרובט געוואָרען אין איטאַליען. דער אויטאָבוס לויפט מיט א שנעלקייט פון 80 קילאָמעטער א שעה.





אונטען: אילוסטראַציעס צו דער ענטוואָפנונגס־קאַמפּעניע. שילער פון ענגלישער קאָלעדזשען, וועלכע געבילדעט זיך צו קאָנען בעגעהן מיט טאַנקען און קוילענוואַרפערס.







אויבען לינקס: דער בערלינער מעטעאָראָלאָג זוקשטראָף און דער פּילאָט שיצע האָבען זיך אויפגעהויבען אין אַ באַלאָן אין דער כוב־סטראַטאָספערע און ביי אַ קעלט פון פערציג גראַד האָבען זיי אין משך פון זעקס שעה געמאַכט וויכטיגע וויסענשאַפטליכע בעאָבאַכטונגען און אויסמעסטונגען.



אינדערזייט לינקס: אין וועלס איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען דעם אַטאַשע פון דער לאַנדאָר געזאַנדש, פון גוואַטעמאַלאַ, מאַנועל גאַדאַי, וועלכער האָט דערשאָסען זיין שוואָגער אַ שיכור, פאַר שלעכט בעהאַנדלען זיין פרוי, גאַדאַי'ס שוועסטער, דאָס געריכט האָט דעם מערדער בעפרייט.

**אונטען,**
מאָדערנסטער פייערוועהר־וואָגען איז איינגעפיהרט געוואָרען אין בערלין. דער וואָגען איז פערזעהן מיט אַלע רעטונגס־מיטלען דערונטער מיט אַ קראַן, וואָס קאָן אויפהויבען אַן אויטאָ





אויבען: דער בעריהמטער דייטשער שריפטשטעלער גערהארדט הויפטמאן און דער וועלט־רייזענדער סווען העדין אויפ'ן וועג קיין אמעריקע.



ווינצענט קאל, פיהרער פון א ניו־יארקער באנדע איז דערשאסען געווארען אין א טעלעפאן קאבינע.

אינדערמיט: דער נייער בעלגישער געזאנדטער אין בערלין פאר דער אוי־דיענץ ביים רייכס־פרעזידענט.



דער גרינדער פון דער סקויטען־באוועגונג גענעראל באדען פאועל איז אלט געווארען פינף און זיבציג יאהר.



אונטען: פאלקסטראכטען־פעסט אין בערלין. גרופען פון אלע עקען דייטשלאנד אין זייערע כאראקטעריס־טישע פאלקס־קאסטיומען.





צו די וואשינגטאן־פייערונגען פון דעם יאהר. דאס בעריהמטע בילד פון מאלער עמאנועל לייצע, וואס שטעלט פאר ווי וואשינגטאן פארט אריבער דעם דעלאווער טייך. דער אריגינאל פון בילד געפינט זיך אין דער קונסטהאלע אין ברעמען. א קאפיע געפינט זיך אין קאנגרעס־זאל אין וואשינגטאן.



צום צוויי־יאהר־הונדערטסטען יובל פון דזשארדזש וואשינגטאן האט די עסטרייכישע רעגירונג געשאנקען דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען א קינסטלערישע סטאטוע פון וואשינגטאן געמאכט פון דער בעסטער פארצעליי.



צו די וואהלען אין אירלאנד. לינקס: קאזגרעוו, דער אירלענדישער פרעמיער, רעכטס דע־וואלערא, דער פיהרער פון די אירלענדישע רעפובליקאנער (זינ־פעניער), וועלכע זענען ארויס מיט א זיג פון די וואהלען.



אויבען: דער בעריהמטער ענגלישער שריפטשטעלער בערנארד שאו, אין זיין אויטא אין וועלכען עס האט מיט'ן דיכטער פאסירט א קאטאסטראפע.



דער פרעמיער פון באווריען קאל־שטאט זאל זיך אבגעבען אין דימיסיע

די אינדישע פרינצעסין פון סאראוואק, האט פייערליך איבערגענומען דעם מוסולמענישען גלויבען אויף אן ענגלישען אע־ראפלאן בעת ער האט זיך געפונען 1000 מעטער אין דער הויך.



א בוסט פון געטהען, געמאכט פון פארצעליי דורך דער בערלינער פארצעליי־מאנופאקטור.





אונטען: א בילד פון דער קאטאסטראפע וואס איז פארגעקומען צוליב באנדיטען־אטאק אויפ'ן ריוויערא עקספרעס.

## ער מיינט נישט די הגדה...
### א לאָדזער מעשהלע וואָס איז קרוב לאמת

צום לאָדזער רייכן פילאַנטראָפּ באַג, קומט אַריין אַ ייד און מיט טרערן אין די אויגען בעט ער: ראַטעוועט אַן אומגליקליכע פאַמיליע. דער טאַטע אַ ליגנדיק און צו דעם אַרבייטסלאָז, די מאַמע אַ קראַנקע, אַכט קליינע קינדער — זיי [illegible] פון הונגער.

און צו די צרות, אַ שלעכטער [illegible] ווירט, האָט אַן עקסמיסיע און וויל אַרויסוואַרפן פון דער דירה, ווען מ׳וואָלט כאָטש דעם ווירט געקענט געבן דאָס דירה־געלד, ער זאָל אָפּהאַלטן די עקסמיסיע.

— נאַטירליך! — האָט דער פילאַנטראָפּ באַג געענטפערט — און צי וואָלט איך געקאָנט וויסען, וואָסערע שייכות איהר האָט צו דער [illegible]?

— איך? — האָט דער ייד געענטפערט — איך בין דער הויז־ווירט...

## א טעות איז מענשלעך

אויפ׳ן צוג וואַרשאַ—לאָדז קומט אַריין דער קאָנטראָלער אין דער ערשטער קלאַס קאָנטראָלירען די [illegible].

— פאַניע, ווענדט ער זיך צו אַ סוחר — איהר זענט פעררוקט? מיט אַ בילעט פון דער דריטער קלאַס זעצט איהר זיך אַריין ערשטער קלאַס?

— [illegible] — האָט דער סוחר געענטפערט — כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָ איז די [illegible] קלאַס.

—)ׂ:o:(—

## דרינגענדע דעפּעשע פון „קונדס“ קיין גענף
### אפעל צו די 12 וויצלער־מלוכות

צוועלף מלוכות האָבען זיך געווענדט מיט אַן אַפעל צו יאַפּאַניע, זי זאָל אָפּשטעלן די מלחמה מיט כינע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיגער [illegible], האָט די רעדאַקציע פון „קונדס“ אַוועקגעשיקט צו די דערמאָנטע 12 מלוכות פאָלגענדע דעפּעשע:

„חברה קונדסים! מאַכט נישט קיין וויצן. וויצלען זיך קענען מיר בעסער פון אייך“.

[illegible] „קונדס“.

## לשון הרע
### צונגעשיקטע סיים־פּריאָטקעס

מ׳זאָגט אַז:

נאָכ׳ן שטרייכען פופציג מיליאָן פון בודזשעט פאַר אַרבייטסלאָזע האָט דער פינאַנץ־מיניסטער אַ קרעכץ געטון און געזאָגט:

זאָל זיי דער ווינטער לייכט זיין!

מ׳זאָגט אַז:

אַז דער אינטערעסאַנטסטער אַקטועלער פילם ווערט איצט דעמאָנסטרירט אין נאַנ—קינ—אַ.

מ׳זאָגט אַז:

דער אינטערעסאַנטער אַקטועלער פילם, אַ אינטערנאַציאָנאַלע אַרמעי אין גענף צו בעשיצען די בעפאַלענע מלוכות, ווען הייסען „סטראַזש אַ גע־ביעוואַ“.

מ׳[illegible]

די דעפּוטאַטען האָבען ביים אָננעהמען דעם בודזשעט געהאַט פרעהליכע מינעס — ס׳איז גאָר קיין חידוש נישט — דער בודזשעט איז דאָך אַ זעהר לעכערליכער.

מ׳זאָגט אויך: אַז לויט׳ן מוסטער פון שפּאַניען ווערט איצט אויך דאָ אין פוילען פער[illegible] מיט די בעק—עס....

## [illegible]יים דאָקטאָר
### דורכ׳ן שליסעל־לאָך אין דער קראַנקען־קאַסע

קראַנקער: קען איך אַלט ווערען הונדערט יאָהר?

דאָקטאָר: — ווי אַלט זענט איהר?

— 50 יאָהר.

— איהר טרינקט בראָנפען?

— ניין.

— שפּילט איהר אין קאָרטן?

— ניין.

— רויכערט איהר פאַפּיראָסען?

— ניין.

— באַווייזט איהר זיך גיין מיט פרויען?

— ניין.

— טאָ, וואָס צום טייוועל, דאַרפט איהר אַלט ווערען הונדערט יאָהר?

## מיט וואָס איינער האַנדעלט

אַ מיטגליד פון לאָדזער פליישער־צעך איז געקומען צום דאָקטאָר מיט אַ קראַנק קינד.

— איהר מוזט דאָס קינד יעדען טאָג וועגן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— פאַניע דאָקטאָרשע — האָט דער קצב גע־פרעגט — מיט די ביינער?

## געזוכטע פּרנסות

וואָסערע פאַך רעכענסטו אויסצוקלייבן פאַר דיין זוהן?

— כ׳וואָלט איהם געוואָלט מאַכן אָדער פאַר אַ קאָמאָרניק אָדער פאַר אַ דעפּוטאַט פון ב.ב.

## דער ביער־שטרייק אין דייטשלאַנד




דייטש: אַ שעהן פּנים קען דייטשלאַנד האָבען אָהן אַ קופּל „ביירש“.. (אויסל. הומאָר)


# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 43 — פרייטאג, דעם 26 פעברואַר 932


## דאָס האָב איך און דאָס גיב איך



ייד (צום סעקוועסטראַטאָר): דאָס איז מיין איינציגער „מאַיאָנטעק“ — ביטע נעמט אַיהן!..

